**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/15/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט 21.4 מיליאן דאלער אויף שטיצע סערוויסעס פאר ערזעצטע אוקראינער וואס וואוינען אין ניו יארק**

***פעדעראלע פינאנצירונג צו שטיצן 17 סערוויסעס פארזארגער פאר פליטים אויף העלפן אוקראינער אנטלאפענע פון זייערע היימלאנד צוליב די רוסיש אינוואזיע***

***'יונייטינג פאר יוקרעין' פראגראם האט געברענגט אומגעפער 14,000 אוקראינער קיין ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן אז איבער 21.4 מיליאן דאלער זענען אויסגעטיילט געווארן צו העלפן אוקראינער וועלכע זענען אנטלאפן פון זייער לאנד אלס רעזולטאט פון רוסלאנד'ס מיליטערישע אינוואזיע אויף צייטווייליג זיך צו באזעצן אין ניו יארק סטעיט. די פינאנצירונג וועט אויסגעניצט ווערן דורך 17 סערוויסעס פארזארגער פאר פליטים ארום דעם סטעיט צו העלפן ארויסגעזעצטע אוקראינער וועלכע וואוינען יעצט אין ניו יארק.

"מיר שטאלצירן זיך ווייטער אויפצונעמען די וועלכע זענען געצוואונגען געווארן צו אנטלויפן פון זייער היימלאנד דורך דער אנגייענדער און אומרעכטע געוואלד-פארברעכערישע אנגרייף דורך רוסלאנד," **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** "אלס דער היים פון דעם גרעסטן אוקראינישן באפעלקערונג אין די פאראייניגטע שטאטן, וועט ניו יארק בלייבן אומוואקלדיג אין אונזער שטיצע פאר די מענטשן פון אוקריינע. די פעדעראלע פינאנצירונג איז קריטיש אויף צו ערמעגליכן פאר פליטים סערוויסעס פארזארגער צו קענען העלפן אוקראינישע פאמיליעס בשעת זיי פאסן זיך צו צו א נייעם לעבן דא אין ניו יארק סטעיט."

אן ערך פון 75,000 מענטשן זענען געקומען קיין אמעריקע פון אוקריינע זינט די רוסן האבן אנגעהויבן זייער אנגרייף, אריינגערעכנט אומגעפער 14,000 אין ניו יארק, דורכ'ן פעדעראלער רעגירונג'ס 'יונייטינג פאר יוקרעין' פראגראם. דער דאזיגער פראגראם האט צוגעשטעלט א מהלך פאר ארויסגעזעצטע אוקראינער און זייערע פאמיליע מיטגלידער צו בלייבן אין אמעריקע אויף ביז צוויי יאר. אנטיילנעמער מוזן האבן א שטיצער אין אמעריקע וואס פארזארגט זיי פינאנציעלע שטיצע לענגאויס זייער צייט דא.

די נייע פינאנצירונג, פון דער יו-עס דעפארטמענט פון געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס אפיס פון פליטים ווידער-באזעצונג וועט געניצט ווערן פאר א הוספה צו די עקזיסטירנדע באמיאונגען צו פארזארגן שטיצע סערוויסעס דורך 'יונייטינג פאר יוקרעין'. שטיצע סערוויסעס צו ווערן צוגעשטעלט נעמען אריין באשעפטיגונג הילף, קעיס פארוואלטונג, געניטשאפט טרענירונג, ענגליש אלס א צווייטן שפראך, און, ווען נייטיג, האָוזינג און עסנווארג הילף צווישן אנדערע.

**אפיס פון ציטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנערין דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״ניו יארק איז שוין פון לאנג אן געווען א שיינטורעם פון האפענונג פאר די וועלכע אנטלויפן רדיפות און פארטריבן דורך קריגן לענגאויס דער וועלט. די פינאנצירונג וועט העלפן פארזיכערן אז די וועלכע זענען אנגעקומען פון אוקריינע וועלן האבן די רעסאָרסן וואס זיי דארפן האבן אויף צו געפונען זיכערהייט און סטאביליטעט. די ארגאניזאציעס וואס באקומען פינאנצירונג האבן יארן ערפארונג אין ערפאלגרייך העלפן פליטים און אימיגראנטן אויף זיך צופאסן צו א נייער היים און צו בליען אלס טייל פון דער קאמיוניטי און מיר זענען דאנקבאר פאר זייערע באמיאונגען.״

**סענאטאר טשאָק שומער האט געזאגט,** ״מיר שטייען פאראייניגט מיט די מענטשן פון אוקריינע, צי דאס איז זיי צוריקברענגען די הילף וואס זיי דארפן האבן אויף צוריקצוקעמפן קעגן רוסלאנד׳ס אומפראוואצירטע, שרעקליכע אינוואזיע אדער זיי צו העלפן בויען א לעבן דא אין ניו יארק. די 21 מיליאן דאלער אין פעדעראלע הילף וועט העלפן אוקראינער קריגס-פליטים אין ניו יארק באקומען די שטיצע אין וואס זיי נייטיגן זיך פון קאמיוניטי גרופעס פון באפעלאו און ראטשעסטער ביז ניו יארק סיטי. דער אוקראינער פאלק זענען אין א מעכטיגן גערענגעל, און ניו יארק און אמעריקע וועלן זיי אלעמאל שטיין צו דער זייט.״

**קאנגרעסמאן דזשעראלד נאדלער האט געזאגט,** ״איך בין באגייסטערט אז גאווערנער האוקול ארבעט איינאיינעם מיט׳ן פעדעראלער רעגירונג צו העלפן שטיצן אנטלאפענע אוקראינישע פאמיליעס אין ניו יארק. די פינאנצירונג וועט גיין א וייטן וועג צו העלפן די פאמיליעס באקומען באשעפטיגונגס געלעגנהייטן און וועט זיי העלפן צו קענען האלטן עסן אויפ׳ן טיש און א דאך איבער׳ן קאפ. אזוי ווי רוסלאנד זעצט פאר וייטער דורכצופירן גרויזאמע רציחות אין אוקריינע, מוזן מיר טון אלץ וואס מעגליך צו העלפן די וועלכע ווערן מערסט באטראפן.״

פריער דאס יאר האט דער גאווערנער געמאלדן אן [עקזעקיוטיוו באפעל](#) צו פארבאטן סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן פון קאנטראקטירן מיט קערפערשאפטן וועלכע מאכן וייטער געשעפטן אין רוסלאנד. אין אנהייב מערץ, האט גאווערנער האוקול [געמאלדן אקציעס](#) צו פארשטערקערן דעם דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס אינפארסירונג פון סאנקציעס קעגן רוסלאנד, ארייגערעכנט די פארשנעלערטע איינשאפונג פון נאך בלאָקטשעין אנאליזירונג טעכנאלאגיע. אין פעברואר האט גאווערנער האוקול [באפוילן](#) אלע סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן צו דיוועסטירן פובליק געלטער פון רוסלאנד און אפשטעלן האנדלעריי מיט רוסישע פירמעס.

דער גאווערנער האט אויך [אוועקגעשטעלט א וועבזייטל](#) מיט הילפס-מיטלען פאר אוקראינער און וויאזוי ניו יארקער קענען זיי העלפן. די פאלגענדע פליטים סערוויסעס פארזארגער זענען געשאנקען געווארן פינאנצירונג:

| ארגאניזאציע | לאקאציע | סכום |
|---|---|---|
| יו-עס קאמיטע פאר פליטים און אימיגראנטן | Albany | $382,143 |
| קעטאָליק טשעריטיס׳ פון לאנג איילענד | Amityville | $1,775,841 |
| קעטאָליק טשעריטיס׳ פון באפעלאו | Buffalo | $300,000 |
| אינטערנאציאנאלע אינסטיטוט פון באפעלאו | Buffalo | $300,000 |
| דזשורניס ענד׳ פליטים סערוויסעס | Buffalo | $300,000 |
| אידישע פאמיליע סערוויסעס פון WNY | Buffalo | $300,000 |
| אינטערנאציאנאלע רעטונגס קאמיטע | New York City | $3,377,068 |
| קעטאָליק טשעריטיס׳ קאמיוניטי סערוויסעס | New York & Hudson Valley | $4,904,034 |

| | | |
|---|---|---|
| $3,377,068 | Queens | קאמאנפוינט קווינס |
| $3,377,068 | Brooklyn | CAMBA |
| $776,328 | Rochester | ׳קעטאָליק טשעריטיס׳ פאמיליע און קאמיוניטי סערוויסעס |
| $776,328 | Rochester | ׳ווארלד רעליעף׳ |
| $300,000 | Syracuse | ׳אינטערפעיטווארקס׳ פון צענטראל ניו יארק |
| $300,000 | Syracuse | ׳קעטאָליק טשעריטיס׳ פון אנאנדאגא קאונטי |
| $300,000 | Syracuse | פליטים און אימיגראנט זעלבסט-באפולמעכטיגונג |
| $300,000 | Utica | דער צענטער |
| $300,000 | Binghamton | ׳אמעריקען סיוויק אסאסיעשען׳ |

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418